געווארן (דא למטה אין עוה״ז), איז עס בכדי „לעשות שלום בעולם" — דורך מאכן שלום צווישן דעם עולם מיטן אויבערשטן: מ'זאל דערזעהן ווי עולם איז ניט מנגד צו אלקות, און נאך מער — זיין תכלית איז צו זיין א דירה לו ית' דורך דער תורה ועבודה פון אידן.

ח. דערמיט איז מובן אז אין דעם באשטייט אויך די מעלה מיוחדת פון נרות שבת קודש — וואס ביי זיי איז דער ענין פון „שלום בעולם" מיט מער תוקף (כנ״ל ס״ו) — אז דער ענין פון „שלום בעולם", דערזעהן אז די אמיתית המציאות פון וועלט איז אלקות, ווערט דורך נרות ש״ק אויפגעטאן נאכמער ווי דורך אנדערע מצוות [ווי עס שטייט אין זהר[30]: „כי נר מצוה, מאי נר מצוה דא . . נר דשבת"; אין נרות שבת קודש איז דער ענין פון „נר מצוה" — באלייכטן די וועלט — מיט מער תוקף לגבי אנדערע מצוות, אפילו די וואס זיינען פארבונדן מיט א נר גשמי].

וי״ל, אז דאס איז דער טעם פנימי וואס ביים ענין פון „שלום בית", וואס נר שבת טוט אויף, שטייט[17] דער לשון „שלא יכשל בעץ או באבן". וואס איז דער דיוק „עץ" או „אבן"? — נאר דער־מיט איז מען מרמז צום פסוק[31] „אומרים לעץ אבי אתה ולאבן את ילדתני", אז פון דעם עץ או אבן ווערט געמאכט אן עבודה זרה רח״ל. און דאס איז דער אויפטו פון נרות שבת קודש — „שלא יכשל בעץ או באבן": די מציאות פון עץ און אבן מצד עצמם (איידער זיי ווערן באלויכטן דורך נרות שבת) קען אמאל מכשיל זיין ח״ו מען זאל מיינען אז זיי (דער עץ או אבן) האבן ח״ו אן אייגענע מציאות, אן אייגענעם כח, ביז צו אנרופן דעם עץ — „אבי", און דעם אבן — „את ילדתני" (א מציאות פון ע״ז רח״ל):

דורך דער ליכטיקייט פון נרות שבת קודש, וואס זייער „נר מצוה" און (פעולה פון) „שלום בעולם" ווירקן באופן גלוי אויף גשמיות העולם, ווערט באווארנט „שלא יכשל בעץ או באבן", ווארום דורך זיי דערזעט מען אז דער עץ און אבן (ווי יעדער מציאות שבעולם) ווערט אנגעפירט פון דעם בעל הבירה און אז זיי גופא דארפן אויסגענוצט ווערן אויף ענינים פון קדושה.

ט. ע״פ כהנ״ל איז אויך מובן דער קשר מיוחד צווישן די טהרה פון טומאת מצורע און נרות שבת קודש:

טומאת מצורע איז דאך פון די טומאות הכי חמורות, וואס דערפאר איז ביי א מצורע דער דין „בדד ישב מחוץ למחנה מושבו": ער ווערט ארויס־געשיקט מחוץ לג' מחנות[32], און אין דעם גופא — „בדד ישב", שלא יהו טמאין אחרין יושבין עמו[32*] — דער ארט פון א מצורע איז אפי' מחוץ למחנה פון אנדערע טמאים, ד. ה. ער איז אינגאנצן ארויס פון מחנה דקדושה.

און דער טעם הדבר איז, ווייל אויך דער חטא וואס ברענגט צו צרעת — לשון הרע — איז זייער הארב דערמיט וואס ער דערפירט (בלשון הרמב״ם[33]) „לדבר באלקים וכופרין בעיקר", וואס דורך דעם ווערט מען רח״ל אינגאנצן אפגעריסן פון דעם אויבערשטן[34].

30) ח״ב קסו, א.
31) ירמי' ב, כז.
32) רש״י עה״פ (מתו״כ שם). וראה פסחים סז, א.
32*) רש״י עה״פ (מפסחים שם. ועד״ז בתו״כ שם). וראה לקו״ש חכ״ב ע' 74 ובהערה 49.
33) סוף הל' טומאת צרעת.
34) ראה גם לקו״ש ח״ז ע' 101.